ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

תשפ"ד

323

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

גֶעעֶנְדִיגְט דִי אַכְצְנְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם ............................ א

וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד קְרִיכְט נִישְׁט גֶעהֶעְרִיג?............................ ב

גֵיין מִיט צִיצִית, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז עֶס גֵייט פָּסוּל וֶוערְן פוּן דִי אַרְבֶּעט?............ ג

מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיסְ'מָשָׁלְ'ן אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?............................ ה

אַ גוּטֶער וָואס פַאלְט אַמָאל אַרָאפּ, אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶער וָואס טוּט אַמָאל גוּטְס?........ ו

מוּז מֶען זָאגְן "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט?............................ ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דְרוּקְן דִי סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה............................ א

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי וַוארֶעמֶע אַכְסַנְיָא פַאר דִי בָּחוּרִים............................ א

זוּכְן אַן אַרְבֶּעט וָואס דִי מוֹיל אִיז פְרֵיי צוּ שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן .......... ב

וֶוען מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף מֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת............................ ב

קוּקְט אוֹיפְן חֵלֶק גְלֶעזְל וָואס אִיז יָא פוּל............................ ג

יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר גֶעבְן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן סִיפּוּק אִין לֶעבְן............ ד

אַז מֶען גֵייט מִיט פְּרִיצוּת, פַארְטְרַייבְּט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן............................ ד

אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּיי אוּנְזֶערֶע מוֹסָד קֶענֶען נִישְׁט הָאבְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכַדוֹמֶה ........ ה

גֵיין שְׁטִימֶען פַאר דִי קַאנְדִידַאטְן וָואס דִי הַנְהָלָה הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט ............ ו

אַ גַבַּאי טְרָאגְט אַן אַחְרָיוּת, מֶער וִוי אַ מִתְפַּלֵּל ............................ ו

וָואס פַאר אַ סְפָרִים אִיז גוּט פַאר אַ פְּרוֹי צוּ לֶערְנֶען?............................ ז

נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער וָוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב דִי מוֹסָד ................ח

וָוען מֶען גֵייט אוֹיס פוּן שְׁרֶעק אוּן עֶס טְרֶעט צוּ צוּם גֶעזוּנְט ...........................ט

קְלִיפְּס אוּן וִוידִיאָס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערְן ..........ט

זָאג מִיט דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין ...................................י

לֶערְנֶען מֶער הֲלָכוֹת מִיט דִי בֵּית פֵיגָא תַלְמִידוֹת ....................................יא

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ...............................יא

זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה.................................יב

בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעבְּן מִיר זֵייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן ...................................יב

מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער ........................יג

אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אַייךְ ...................................יד

טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר ..................................................יד

נֶעמֶען אַן הֶעלְפֶּערְקֶע וָוען דֶער מַאן אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּב.........................טו

וַוייטֶער דְרוּקְן דִי אִיבְּרִיגֶע חֲלָקִים פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ.......................טז

וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאפְרֵייעֶן פוּן אַלְטֶע פַּיין פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן .......................טז

טוּן אַלֶעס צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן .............................יט

מְכַבֵּד זַיין דִי אֵייגֶענֶע אוּן דִי וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן ...................................כ

עֶס הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל תּוֹרָה אִין כּוֹלֵל אַזוֹינְס אוּן אַזֶעלֶעכְס ..........................כ

הַאלְט זִיךְ פְרִישׁ אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל ............... כא

וָוען מִיר הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער פַאר אוּנְז אַלֵיין ...................כב

וָואס מֶען טוּט דַארְף זַיין אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג.................................כב

אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֵיילוּנְג ...............................................כג

נָאר אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין שׁוּל הַאלְטְן זִיךְ דִי קִינְדֶער בַּיי אִידִישְׁקֵייט..............כד

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן הֶערְן אוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.................................כה

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.....................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**גֶעעֶנְדִיגְט דִי אַכְצְנְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַזֵּק.

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט דִי וָואךְ דִי אַכְצְנְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען, אִיךְ הָאב אַזַא הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג, דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי אַכְצְנְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מִשְׁנָה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זֵייף וָואס וַואשְׁט אָפּ דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה - פוּן עֲבֵירוֹת אוּן פְּגָמִים. דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר רֵיין.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, דָאס זָאל זַיין דֶער עִיקָר פוּן דַיינֶע

**תְּפִילוֹת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ צוּפְרִידְן, אִיךְ זָאל זֶען נָאר דָאס גוּטְס פוּן יֶעדֶע זַאךְ".**

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד קְרִיכְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אַ יָאר אוּן צְוֵויי חֳדָשִׁים, גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער זִי קְרִיכְט נִישְׁט אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִּיס, זִי רוּקְט זִיךְ נָאר זִיצֶעדִיגֶערְהֵייט, אוּן זִי קֶען אוֹיךְ שְׁטֵיין אַלֵיין.

מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן אִינֶעם עִנְיָן פוּן דִי אַנְטְוִויקְלוּנְג פוּנֶעם קִינְד, הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּאר מַיין וַוייבּ אַז דָאס קְרִיכְן אוֹיף פִּיר הֶעלְפְט פַּאר דִי אַנְטְוִויקְלוּנְג פוּנֶעם מֹחַ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט רַאטְזַאם אַז אַ קִינְד זָאל אִיבֶּערְהִיפְּן דֶעם שְׁטַאפְּל אִין לֶעבְּן, פוּן קְרִיכְן אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִּיס.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מִיר זָאלְן נֶעמֶען דָאס קִינְד צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דִי סָארְט זַאכְן? וָואס וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ קָאסְט עֶס אוֹיךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט, אָדֶער זָאלְן מִיר אִיר לָאזְן זִיךְ אַלֵיין אַנְטְוִויקְלֶען אוֹיף אִיר אֵייגֶענֶע וֶועג, אָן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן פוּן אִינְדְרוֹיסְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבּ אַ קְלֵיין קִינְד קְרִיכְט אוֹיף אַלֶע פִּיר פִּיס אָדֶער עֶס רִיקְט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ אַזוֹי זִיצֶעדִיג; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קְרִיכְן, אוּן קִינְדֶער וָואס רִיקְן זִיךְ אַזוֹי וְכוּ', עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טוּן דֶערְוֶועגְן, וַוייל דִי וָואס קְרִיכְן - זֶענֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט וִוי דִי וָואס קְרִיכְן נִישְׁט.

אַז דוּ ווילְסְט דַיין קִינְד זָאל אוֹיפְוַואקְסְן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע – זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערפְרִי בֶּעטְן פַאר דְרַיי מִינוּט אוֹיפְן זֵייגֶער פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. אַזוֹי ווי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל דֶערְצֵיילְט, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער – זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵיין מִיט צִיצִית, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז עֶס גֵייט פָּסוּל וֶוערְן פוּן דִי אַרְבֶּעט?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים. וָוען אִיךְ בִּין בַּיי די אַרְבֶּעט הֶער אִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיס די שִׁיעוּרִים, אַנְשְׁטָאט אוֹיסְצוּהֶערְן נַייעֶס און אַנְדֶערֶע שְׁטוּתִים.

אַזוֹי ווי מַיין אַרְבֶּעט אִיז מִיט בּוֹיעֶן אוּן דָאס גְלַייכְן, מַאכְט זִיךְ כְּסֵדֶר אַז מַיינֶע קְלֵיידֶער וֶוערְן שְׁנֶעל צֶעריסְן און וֶוערְן זֵייעֶר שְׁמוּצִיג, אוּן דֶערִיבֶּער גֵיי אִיךְ נִישְׁט מִיט צִיצִית בַּיי די אַרְבֶּעט. אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ וויל יָא גֵיין מִיט צִיצִית אוֹיךְ בַּיי די אַרְבֶּעט, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אוֹיב מֶען מֶעג אָנְטוּן צִיצִית וָוען אִיךְ וֵוייס אַז לִכְאוֹרָה גֵייט די צִיצִית וֶוערְן פָּסוּל, און מֶען וֶועט עֶס נִישְׁט קֶענֶען מֶער נוּצְן, נָאךְ אֵיין חוֹדֶשׁ אָדֶער וֵוייניגֶער. אִיךְ וֵוייס אַז דָאס וֶועט פַּאסִירְן צוּלִיב די סָארְט אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ טוּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס הֵייסְט נִישְׁט גֵיין צִיצִית? בַּיים אַרְבֶּעט דַארְף מֶען אוֹיךְ גֵיין צִיצִית; קֶענְסְט אַרַיינְלֵייגְן די צִיצִית אוּנְטֶערְן הֶעמְד עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶערַייסְן, אוּן אַז די צִיצִית וֶוערְט שְׁמוּצִיג בַּיים אַרְבֶּעט - קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צִיצִית פַאר די צַייט פוּן אַרְבֶּעט, אָבֶער זִיכֶער זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט צִיצִית אַ גַאנְצְן טָאג.

אוֹיסֶער די גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ שְׁמִירָה פַאר נִיאוּף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז) אַז צִיצִית אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר נִיאוּף. אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק א, הֲלָכָה ב): "וּרְאִיתֶם אוֹתָהּ אֵין כְּתִיב כַּאן, אֶלָּא וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ, מַגִּיד שֶׁכָּל הַמְּקַיֵּם מִצְוַת צִיצִית כְּאִלּוּ מְקַבֵּל פְּנֵי שְׁכִינָה", וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף די צִיצִית אִיז זוֹכֶה וְרוֹאֶה פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

אוּנְזֶער מִנְהָג אִיז, מִיר מַאכְן אַ בְּרָכָה בַּאזוּנְדֶער אוֹיפְן טַלִּית קָטָן אוּן בַּאזוּנְדֶער אוֹיפְן טַלִּית גָּדוֹל; מֶען פְרֵייט זִיךְ, מֶען קִישְׁט די צִיצִית, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די זְכִיָּה צוּ קֶענֶען גֵיין מִיט די הֵיילִיגֶע טַלִּית קָטָן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיסְ׳מָשָׁלְ׳ן אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה אוּן בַּאקוּמֶען אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מִיר הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מַיין וַוייבּ הָאט מִיר נָאר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען זִי טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִי אַ פַאנְטַאזְיֶע אִין קָאפּ וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוֹיס, עֶפֶּעס אַזוֹי וִוי אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ קֶענִיג אוֹיף פֵייעֶר. אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ טְרַאכְטְן אַזוֹי, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶס אַ פְּרָאבְּלֶעם, וָואס אִיז דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם?

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה, וַוייל עֶס שְׁטֶערְט אִיר זֵייעֶר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אַ גֶעשְׁטַאלְט וְכוּ׳, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשְׁטַאלְט.

גֶעבּ דַיין וַוייבּ צוּ זָאגְן דִי אֲנִי מַאֲמִינְ׳ס, זִי זָאל דָאס חַזֶרְ׳ן - אַזוֹי וֶועט אַרוֹיסְגֵיין דִי מַחֲשָׁבוֹת.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת - אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה; וִוי מֶער מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט אוּן מִיט ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳ - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס אִיז דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גוּטֶער וָואס פַאלְט אַמָאל אַרָאפּ, אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶער וָואס טוּט אַמָאל גוּטְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אוֹיפְן לֶעבְּן, וָואס רִינֶען אַרוֹיס פוּן דִי שִׁיעוּרִים, פוּן דִי בְּרִיוו, אוּן פוּן דִי טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת, בִּין אִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וָואס טוּט אוֹיךְ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת? אָדֶער בִּין אִיךְ בֶּאֱמֶת אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס פַאלְט נָאר אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶכְט בִּיסְטוּ אַ וואוּילֶער אוּן אַ גוּטֶער, אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף דָאס אַלְץ אַרִיבֶּערְגֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה)**: "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי ווִי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם אוּן**

כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפּ גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס וִוי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה.

עֶכְט בִּיסְטוּ אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, נָאר פוּן הִימְל אִיז אַ תַּעֲנוּג אוּן הַנָאָה צוּ זֶען וִוי עֶס קוּמְט אַרַיין אִין דִיר נָאכְאַמָאל שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אוֹיף זֵיי. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רלג): "כְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל הָאָדָם מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהִרְהוּרִים וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם, יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה, וְהוּא יָקָר מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן אִיז זֵיי מְנַצֵּחַ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ פוּן אִים, "כְּמָשָׁל שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל הַמְּלָכִים, לִפְעָמִים בְּיוֹמָא דְּפַגְרָא הֵם מַנִּיחִין כַּמָּה חַיּוֹת שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה, וְהֵם עוֹמְדִים וּמִסְתַּכְּלִים, וְיֵשׁ לָהֶם תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִן הַנִּצָּחוֹן", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא בַּיי דִי קֶענִיגְן, אִין גֶעוִויסֶע טֶעג בְּרֶענְגֶען זֵיי חַיּוֹת זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן וֶוער עֶס גֵייט מְנַצֵּחַ זַיין, זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג וֶוען דִי חַיּוֹת זֶענֶען מְנַצֵּחַ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, "כְּמוֹ כֵן מַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת הֵם חַיּוֹת טְהוֹרוֹת וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם חַיּוֹת טְמֵאוֹת", אַזוֹי אִיז מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי וִוי חַיּוֹת, גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָהוֹר'ֶע חַיּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָמֵא'נֶע חַיּוֹת, "וּמַנִּיחִים בְּכַוָּנָה מִלְמַעְלָה שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה", מֶען בְּרֶענְגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן אוֹיבְן זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, "וְיֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר עַל הַחַיּוֹת טְמֵאוֹת וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מוז מֶען זָאגְן "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת" פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ גַּבְּאַי אִין אֵיינֶע פוּן דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ לֶערְן נִשְׁט פָּאר, דֶער אַנְדֶערֶער גַבְּאַי לֶערְנְט פָּאר, אוּן וֶוען עֶר לֶערְנְט פָּאר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אִיז עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד (נִישְׁט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, נָאר פַּאר מִיר קְרַאצְט עֶס אִין אוֹיעֶר) צוּ זָאגְן פּוּנְקְטְלִיךְ דִי אִידִישֶׁע לָשׁוֹן פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, אַסַאךְ מָאל וֶועט עֶר אֲפִילוּ אִיבֶּערְזָאגְן אַ וָוארְט צְוֵויי דְרֵיי מָאל שְׁטַייטֶערְהֵייט צוּ מַאכְן זִיכֶער אַז עֶר הָאט גוּט גֶעזָאגְט דָאס וָוארְט.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ עִנְיָן צוּ פּוּנְקְטְלִיךְ אַרוֹיסְזָאגְן יֶעדֶעס וָוארְט אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט? אָדֶער אוֹיבּ עֶס שְׁטֵייט אַ וָוארְט וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דָאס מֵיינְט, אָדֶער וֶוען אִין דִי הַיינְטִיגֶע אִידִישׁ זָאגְט מֶען דָאס וָוארְט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מוּז מֶען עֶס זָאגְן פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט? אָדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי וֶוערְטֶער, "כַּנַּ"ל, הַנַּ"ל, דְּהַיְינוּ, מֵחֲמַת", אוּן דָאס גְלַייכְן - מוּז מֶען דָאס זָאגְן ווִי עֶס שְׁטֵייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס דַארְף דִיךְ נִשְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאכְן, דוּ פַארְלַייג זִיךְ אוֹיף אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שׁוּל, אוּן אַז דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז פוּן עֶפֶּעס - זָאלְסְטוּ צוּרִיקְלוֹיפְן אִין פֶעלְד שְׁרֵייעֶן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס גֵייט מִיךְ אָן דָאס, וָואס גֵייט מִיךְ אָן יֶענְץ? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ גַאסְט, אִיךְ גֵיי נָאךְ אַבִּיסְל זַיין אַ גוֹסֵס, אַ נִפְטָר - וָואס אִיז מִיט מִיר? וָואס וֶועט אִיךְ נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע זַאךְ?!" טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אֵיין עֵצָה אִיז דָא, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים דֶערְצֵיילְן דִי אַלֶע נֶערְוֶועזְן זַאכְן, דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וָואס שְׁטֶערְט.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַּאי וָואס מוֹהֲרַ"ן הָאט מִיט אוּנְז גֶע'חַזֶר'ט טוֹיזְנְטֶער

מָאל אִין דִי בְּרִיוו, דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב אוֹיפְן וֶועג זִיךְ צוּ בַּאזֶעצְן אִין אוּמַאן, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז שוֹין גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן מִיט דִי פֶערְד אוּן וָואגְן; אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען צוּרִיק מַמְשִׁיךְ זַיין (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפה).

אִין דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל פַאר אוּנְז, אַפָּאר שָׁעָה פַארְן הִסְתַּלְּקוּת, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן: "עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט"; הַאלְט דִי וֶוערְטֶער פַאר דַיינֶע אוֹיגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דְרוּקְן דִי סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה׳תשפ״ד, פֹּה אוּמַאן אֵצֶל צִיּוּן רַבֵּינוּ ז״ל לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַיֶּ׳ אוּן אַזוֹי מְחַזֵּק אוּן וַוייזְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן דְרוּקְן דִי סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ח׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְן דִי זְכִיָּ׳ צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְפְלֵייצְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי וַוארֶעמֶע אַכְסַנְיָא פַאר דִי בָּחוּרִים**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע אַכְסַנְיָא פַאר דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, מִיר זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה אוֹיף דֶעם.

צְוֵוייטְנְס, בִּזְכוּת דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים אַייעֶרֶע - זָאלְט אִיר הָאבְן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, וְכָל טוּב סֶלָה.

...

## זוכְן אַן אַרְבֶּעט וָואס די מוֹיל אִיז פְרֵיי צוּ שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין פב.): "לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמָּנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען זַיין זוּן אַ רֵיינֶע גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, "וְיִתְפַּלֵּל לְמִי שֶׁהָעשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ", אוּן עֶר זָאל דַאוֶּוענֶען וְכוּ'.

מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, 'וַיִּתְפַּלֵּל' גֵייט אוֹיף אַרוֹיף, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין זוּן אַזַא סָארְט אַרְבֶּעט וָואס בַּיים אַרְבֶּעטְן קֶען מֶען נוּצְן דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, מֶען זָאל זוּכְן לְכַתְּחִלָּה אַן אַרְבֶּעט וָואס דִי מוֹיל אִיז פְרֵיי אוּן עֶס קֶען שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אוּמָּנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה וַיִּתְפַּלֵּל', אַ רֵיינֶע גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט וָואס מֶען קֶען דֶערְבֵּיי דַאוֶּוענֶען, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דַיין אַרְבֶּעט אִיז זַיין אַן עֶלֶעקְטְרִישְׁן, דְרָאט אַרְבֶּעט, מִיט דִי הֶענְט דְרֵייסְטוּ דְרָאטְן; קֶענְסְטוּ נוּצְן דִי מוֹיל אוֹיף תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## וֶוען מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף מֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יג, ג): "וַיֵּלֶךְ לְמַסָּעָיו", זָאגְט רַשִׁ"י: "בַּחֲזָרָתוֹ פָּרַע הֲקָפוֹתָיו", מֶען קֶען זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, "יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת; מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן מִיט חוֹבוֹת, מֶען מוּז זִיךְ הִיטְן פוּן בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן בַּאצָאלְן אַלְטֶע חוֹבוֹת.

דָאס - קֶען זַיין - אִיז רַשִׁ"י מְרַמֵּז, 'בַּחֲזָרָתוֹ' וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶערְט זִיךְ

צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, ׳פָּרַע הֲקָפוֹתָיו׳, זָאל מֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

מַאךְ נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת אוּן בַּאצָאל אַלֶע אַלְטֶע חוֹבוֹת, בַּאצָאל צוּבִּיסְלִיךְ, גֵיי נָאךְ גֶעלְט, גֵיי הֲפָצָה אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶעבְּן אָן חוֹבוֹת.

שְׁרַייבּ מִיר בְּרִיוו, שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, שְׁרַייבּ מִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

...

### קוּקְט אוֹיפְן חֵלֶק גְלֶעזְל וָואס אִיז יָא פוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי חֲשׁוּבֶ׳עֶ מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּפְרַט יֶעצְט נָאכְן וֶוערְן נָאכְאַמָאל אַנְטוֹיִשְׁט וְכוּ׳, נָאכְן אָנְהוֹיבְּן וַוארְטְן וְכוּ׳, נָאךְ אַפָּאר מָאל וָואס דָאס פַּאסִירְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּקְט אוֹיפְן חֵלֶק גְלֶעזְל וָואס אִיז יָא פוּל, קוּקְט אוֹיף עֶנְקֶערֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער. לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דֶעם טֵייְוְול אִין שְׁטוּבּ, דָאס זֶענֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְן עֶנְק טַאנְצְן: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט״.

אָנָּא, אִיךְ בֶּעט עֶנְק, בְּלַייבְּט מִיט שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה.

...

**יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה טְרַאכְט אִיךְ וֶוען וֶועל אִיךְ דִיךְ זֶען; אִיךְ הָאף צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן מַצָב.

מִיר הוֹיבְּן אָן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵרָא אַ נַייעֶ מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת 'בָּבָא קַמָא'; כַאפּ זִיךְ מִיט, הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס נֵיי, וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן לִיבּ הָאבְּן דִי לֶעבְּן, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע, דִי פַּרְנָסָה וֶועט זִיךְ דִיר דָאפְּלֶען אוּן אַלֶעס וֶועט גֵיין מִיט בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

**אִיךְ בֶּעט: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶערְ'ס אוֹיגְן, אוּן עֶר זָאל דָאס מְקַיֵים זַיין".**

...

**אַז מֶען גֵייט מִיט פְּרִיצוּת, פַארְטְרַייבְּט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבְּט אַכְטוּנְג וָואס אִיר טוּט, אִיךְ הֶער אַז בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ קוּמֶען יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ אָן קַיין שְׁטְרוּמְפּ, כְּלוֹמְרְ'שׁ קוּמְט מֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן חִיזוּק.

ווִיל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, זֶעט צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ, אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה. אוֹיבּ וֶועלְן קוּמֶען בַּיי אַייךְ וַוייבְּלֶעךְ מִיט פְּרִיצוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן - וֶועט אִיר פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ,

אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (דְבָרִים כג, טו): "וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דוּרְךְ פְּרִיצוּת - פַארְטְרַייבְּט מֶען מִיךְ.

אוֹיב אַ וַוייבְּל אָדֶער מֵיידְל קוּמְט בִּפְרִיצוּת, כְּלוֹמְרִי'ש נֶעמֶען חִיזוּק - וֶועט דִי חִיזוּק אַרַיינְגֵיין אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוֹיעֶר אָן קַיין שׁוּם אוֹיפְטוּן.

אַז אִיר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער - טוּט וָואס אִיר ווילְט; אִיךְ זָאג אַייךְ, עֶנְדֶערְשׁ מַאכְט מֶער נִישְׁט דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, אַז עֶס הַאלְט שׁוֹין אַזוֹי צֶעלָאזְט, אַז וַוייבְּלֶעךְ קוּמֶען אָן שְׁטְרוּמְפּ.

...

## אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּיי אוּנְזֶערֶע מוֹסָד קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכַדוֹמֶה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אִיר זָאלְט זַיין אֱמֶת'דִיג מִיט דִי מוֹסָד, מִיר נֶעמֶען זִיךְ אוֹיס אַז אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה, מִיר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ וָואס וַוארְטְן אוּן ווִילְן הָאבְּן אַרְבֶּעט אִין בֵּית פֵיגָא, אָבֶער אַז אִיר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן בֶּעטְן מִיר זֵייעֶר אִיר זָאלְט דָאס מוֹדִיעַ זַיין אִין אָפִיס אוּן מִיר וֶועלְן נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין שְׁטִימֶען פַאר דִי קַאנְדִידַאטְן וָואס דִי הַנְהָלָה הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע טוֹבָה, זָאלְסְט יֶעצְט גֵיין שְׁטִימֶען פַאר דִי קַאנְדִידַאטְן וָואס דִי הַנְהָלָה הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מֶען זָאל פַאר זֵיי שְׁטִימֶען, מִיר דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ דִי עֶרְוֶועלְטֶע בַּאאַמְטֶע, סֵיי צוּ קֶענֶען הָאבְן אַ חֶדֶר, אַ סְקוּל, אוּן שׁוּלְן, אוּן אוֹיךְ צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן דִירוֹת, אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי שְׁטֶעטְל.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער גֵיין שְׁטִימֶען, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דַיין וַוייבּ זִי זָאל אוֹיךְ גֵיין שְׁטִימֶען.

דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי זַאךְ הָאבְּן מִיר בַּאוִויזְן פָארִיגֶע מָאל דִי נֶעמֶען וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעשְׁטִימְט, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט צוּ זֶען דִי נֶעמֶען פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת.

שׁוֹין גֶענוּג אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט, גֵיי יֶעצְט שְׁטִימֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גַבְּאַי טְרָאגְט אַן אַחְרָיוּת, מֶער ווִי אַ מִתְפַּלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ נֶעמְסְט צוּזַאם דִי גַבָּאִים ווִי אַזוֹי מֶען קֶען שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - זָאל מֶען זִיךְ קוֹדֶם צוּזַאמְזֶעצְן אוּן רֶעדְן וָואס פַארְלַאנְגְט זִיךְ צוּ זַיין אַ גַבְּאַי, וָואס אִיז דִי פְלִיכְט פוּן אַ גַבְּאַי.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַ גַבְּאַי טְרָאגְט אַן אַחְרָיוּת, מֶער ווִי אַ מִתְפַּלֵל; סֵיי מִיט דִי וֶועג ווִי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אוּן סֵיי מִיט דִי בַּאנֶעמוּנְג. אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס

רוּפְט אוֹיס דִי עֲלִיּוֹת אוּן דֶער וָואס רוּפְט אוֹיס אַלֶע זַאכְן - דַארְף זַיין אֵיינֶער וָואס אִיז אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ לִיבּ יֶעדְן אַיינְווּאוֹינֶער אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קֶעגְן קֵיינֶעם, אִיךְ זָאג נִישְׁט זָאלְסְט זָאגְן פַאר דִי וָואס קוּמֶען אִין שׁוּל נִישְׁט אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; אַדְרַבָּה, זַיי יֶעדְן דַן לְכַף זְכוּת, אָבֶער פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מוּז זַיין אֵיינֶער וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן דֶער בַּעַל קוֹרֵא מוּז זַיין אֵיינֶער מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקֶל, אַזוֹי אוֹיךְ דִי גַבָּאִים דַארְפְן קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אַזוֹי אוֹיךְ הֶער אִיךְ אַז עֶס אִיז דָא וָואס וֶוערְן בַּא׳עַוְלָה׳ט דוּרְךְ דִי גַבָּאִים, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען שְׁרֵייט, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ; ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס אִיז נִישְׁט מַיינֶע גַבָּאִים, אַ גַבְּאַי מוּז זִיךְ בַּאנֶעמֶען צוּ דִי מִתְפַּלְּלִים שַׁיין אוּן אֵיידְל. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים ׳גַבְּאַי׳ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "אָ׳נָּא בְּ׳כֹחַ גְ׳דוּלַּת יְ׳מִינְךָ", ׳אָנָּא׳ אִיךְ בֶּעט דִיר, ׳בְּכֹחַ׳ פִיר דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ שְׁטַארְק, אָבֶער ׳גְּדוּלַּת יְמִינְךָ׳ דִי כֹּחַ זָאל זַיין צוּ גְרוֹיסְן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, זִיךְ בַּאנֶעמֶען מִיט חֶסֶד.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן זַיי מְחַזֵק אַלֶע גַבָּאִים אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן זִיצְן אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט וֶועיפְּן אִין שׁוּל (לֶעקְטֶערִיק צִיגַארֶעטְל), אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין אַלְקָאהָאל אִין שׁוּל; דִי שׁוּל אִיז גֶעמַאכְט פַאר צְוֵויי זַאכְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס פַאר אַ סְפָרִים אִיז גוּט פַאר אַ פְּרוֹי צוּ לֶערְנֶען?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, וָואס פַאר אַ סְפָרִים אִיז גוּט פַאר אַ פְּרוֹי צוּ לֶערְנֶען; דִי בֶּעסְטֶע סְפָרִים זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, דִי סְפָרִים זֶענֶען פַאר אַלֶעמֶען, סַיי פַאר מֶענֶער אוּן סַיי פַאר פְרוֹיעֶן, בִּפְרַט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרַא״שׁ, וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר אוּנְזֶערֶע מֹחוֹת, אוֹיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ; דָאס גֶעבְּט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן מֶען טְרֶעפְט עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

... שְׁרַייבְּט, אַז דִי קִינְדֶער פוּן מִשְׁפַּחַת ... זֶענֶען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט; אִין שְׁטוּבּ הֶערְן זֵיי אֵיין זַאךְ, אוּן אִין דִי מוֹסְדוֹת הֶערְן זֵיי אַנְדֶערְשׁ. ... שְׁרַייבְּט אַז דִי עֶלְטֶערְן לַאכְן אָפּ פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין בַּיי אוּנְז.

קוּק אַרַיין אִין דֶעם אוּן זֶע וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען אַלֶע יָארְן בַּיי אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין אַמֶערִיקֶע, דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט אִין שְׁטוּבּ לֵיצָנוּת אוֹיף דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל - הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין, אוּן אַ טֵייל הָאבְּן לֵיידֶער אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וְוען מֶען גֵייט אוֹיס פוּן שְׁרֶעק און עֶס טְרֶעט צוּ צוּם גֶעזוּנְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן אַייעֶר מַאן.

אַייעֶר מַאן דֶערְצֵיילְט וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אִין דִי טֶעג זַייט עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מִלְחָמָה, וִוי אִיר גֵייט אוֹיס פוּן שְׁרֶעק, און עֶס טְרֶעט מַמָּשׁ צוּ צוּם גֶעזוּנְט; עֶר פְּרוּבִּירְט רֶעדְן מִיט אַייךְ דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, און נָאכְאַלְץ זֶענְט אִיר אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה, און זַייט אַייךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ בַּארוּאִיגְן און קֶענֶען לֶעבְּן, נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גוּף קָשֶׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן פוּן שְׁרֶעק; עֶס קֶען זַיין דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער מֶענְטְשׁ, וִוי נָאר עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן שְׁרֶעק - וֶוערְט עֶר דֶער שְׁוַואכְסְטֶער, און נָאר מִיט חַזֶר'ן אֱמוּנָה, זִינְגֶען וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק.

אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן אַ גַאנְצְן צַייט שֶׁעפְּשֶׁען דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ", אַזוֹי אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער: "קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קְלִיפְּס און ווִידִיאָס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קִינְדֶער, און אוֹיךְ נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע, אוֹיב אִיר זָאלְט וַוייזְן פַאר אַייעֶר בֶּעבִּי קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאָס פוּן אִים אַלֵיינְס; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאָס.

אִיר פְרֶעגְט נָאר בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד, אוֹיב מֶען זָאל וַוייזְן קְלִיפְּס וְכוּ'; דִי פְרַאגֶע דַארְף מֶען פְרֶעגְן אוֹיךְ פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל אוֹיךְ פַאר דִי טַאטֶע מַאמֶע אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַוייזְן קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאָס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאג מִיט דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער; דִי קִינְדֶער זָאגְן מִיר אַז דִי יָאר הָאבְּן זֵיי אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר.

בְּרָאק אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן נָאר אַז דוּ אַלֵיין וֶועסְט הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; הֶער נִישְׁט קַיין לֵצִים, וַוארְף אַוֶועק דִי טֶעיפְּס פוּן דִי לֵצִים, הֶער זִיךְ צוּ נָאר צוּ שִׁיעוּרִים פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, לָאז דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן תְּמִימוּת'דִיג אוּן פָּשׁוּט.

זָאג מִיט דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִינְ'ס. בֶּעט פוּן דִי גַבָּאִים שַׁבְּתִי אָדֶער אָשֵׁר בֶּער, זֵיי הָאבְּן פַארְיָאר שֵׁיין גֶעדְרוּקְט דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט אַ הֶערְלִיכֶער פֵּירוּשׁ פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. בֶּעט אִים אוֹיב מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אוּן זִינְג דָאס מִיט אַ נִיגוּן, אַזוֹי וֶועט דָאס אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, אוּן אַז אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים וֶועלְן דָאס אוֹיךְ טוּן - וֶועלְן דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט דֶעם אַלֶע יָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְנֶען מֶער הֲלָכוֹת מִיט דִי בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
**מָרַת ... תִּחְיֶ' מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַייעֶר הוֹדָעָה.

בְּנוֹגֵעַ זוּכְן נָאךְ לִימוּדִים וָואס צוּ לֶערְנֶען וְכוּ'; אַ שָׁאד מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מֶער הֲלָכוֹת מִיט דִי בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת, אַנְשְׁטָאט זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד זַייטִיגֶע לִימוּדִים, מֶען זוּכְט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען מִיט זֵיי הֲלָכוֹת.

מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן קֶענֶען גוּט הִלְכוֹת שַׁבָּת, הִלְכוֹת יִחוּד, הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, אוּן הִלְכוֹת כַּשְׁרוּת פוּן אַ כָּשֵׁר'עֶ קָאךְ; וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן זֵיי אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, דַארְפְן זֵיי גוּט קֶענֶען הֲלָכוֹת, אוּן אַוַדַאי הָעִקָּר זָאל מֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי הִלְכוֹת שַׁבָּת; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סֵפֶר יַעֲרוֹת דְּבַשׁ חֵלֶק ב, ב) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט אַדוּרְךְ גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת שַׁבָּת כָּאטְשִׁיג צְוֵויי דְרֵיי מָאל - אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל זַיין אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת; מֶען וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוּן וָואס דִי הֲלָכוֹת זֶענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
**לִכְבוֹד תַּלְמִידֵי יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, שֶׁיִּחְיוּ**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיטְן מְנַהֵל, אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן צוּ מַאכְן מִיט עֶנְק אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, אִיךְ מִיט עֶנְק, אָבֶּער דֶער מְנַהֵל זָאגְט מִיר אַז עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

וְוִיל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ - וֶועל אִיךְ נִישְׁט

קוּמֶען צוּ עֶנְק, אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין שַׁבָּת, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים דוּרְכְן לֵייוְ הָאק-אָפּ.

אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

...

## זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה; מַאךְ זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ, אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיב דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דִי פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם"; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר נָאכְן שְׁטַארְבְּן, דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען מֶען לֶעבְּט; וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶער לֶעבְּט אִין גַן עֵדֶן.

אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן - הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ נֶעכְטְן אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ שׁוֹין נֶעכְטְן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אוּן דוּ טְרַאכְטְּסְט 'וָואס? וָואס גֵייט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ וֶועל פַאלְן אוּן פַאלְן?' בֶּעט אִיךְ דִיר, וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת אוּן טוּ צוּ דֶער זַאךְ, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, פָאלְג צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעבְּן מִיר זֵייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ...**

אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה הָאבְּן עֶנְק מִיר גֶעגֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי מַתָּנָה.

עֶנְק זֶענֶען נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען דִי מַתָּנָה, אָבֶּער אִיר זֶענְט

דִי עֶרְשְׁטֶע פָּארְפָּאלְק וָואס בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעבְּן מִיר זֵייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס בַּאקוּמֶען, פוּן בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אָדֶער וַוייבְּלֶעךְ, אָבֶער בַּיי עֶנְק אִיז דָאס גֶעקוּמֶען בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם.

בִּזְכוּת אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי שְׁמוּץ פוּן שְׁטוּבּ וֶועט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס וֶועט זַיין בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, גֶעזוּנְט, נַחַת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

יֶעצְט וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אָמֵן".

...

**מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ מוּז דִיר גֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן דַיין בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אוּן עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ זֶע אִין אִים נָאר גוּטְס, עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ' אִים צוּ זֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

וַוייז אִים דֶער בְּרִיווּ, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אִים - אִיז וִויכְטִיג זָאלְסְט אִים דָאס אִיבֶּערְזָאגְן. וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים, אַז הַיינְטִיגֶע טֶעג, פַאר מָשִׁיחַ קוּמְט, גֵייט אָן נָאר דֶער יְמִין מְקָרֶבֶת, דִי שְׂמֹאל דוֹחֶה אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ הַיינְט; מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמֵייכְלֶען, אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער - צוּ קֶענֶען דֶערְמִינְטֶערְן דִי בַּת מֶלֶךְ אוּן אִיר אוֹיסְהֵיילְן.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדְרוֹיסְן אִין פֶעלְד, מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה.

...

### אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים וָואס אִיר זֶענְט בַּיי מִיר בַּאלִיבְּט ווִי קִינְדֶער, ... אוּן ...., שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר עֶנְקֶער חֲתוּנָה, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, אוּן אִיר זֶענְט עוֹסֵק נָאר אִין גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הֶער גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר; דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶועְן בַּיי דִי דִינֶער פַאר דִי נַייעֶ בִּנְיָן אִין אוּמַאן "קְלוֹיז מוֹהֲרַא"שׁ" וָואס דַיין זֵיידֶע רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א בּוֹיעֶט, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט עֶר קְוֶועלְט פוּן נַחַת פוּן עֶנְק.

... תִּחְיֶ', זַייט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע אוּן הֵיילִיגֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי זַיין אַ לֶערֶערִין פַאר מֵיידְלֶעךְ, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דֶעם כְּלָל אִין לֶעבְּן: "טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר"; אַז דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען אַ פְּלַאץ וָואס דוּ וֶוערְסְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶענְטֶער צוּ דִי תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיסְהֶערְן, נָאר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן וְעַל כּוּלָּם גֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צַדִּיק.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן וָואס מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן דִיר אַלֶע סָארְט פְּרַאגֶעס וְכוּ׳; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִיךְ מְקַנֵּא, דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ, נֶעם דֶעם כְּלַל: ״טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר״.

גֶעבּ אַ גְרוּס דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

נֶעמֶען אַן הֶעלְפֶערְקֶע וֶוען דֶער מַאן אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן אַ גוֹי׳טֶע אִין שְׁטוּבּ וֶוען אַייעֶר מַאן אִיז דָארְט אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז אָסוּר בְּאִסּוּר יִחוּד, אוּן לוֹיט רוֹב פּוֹסְקִים אִיז דָאס אָסוּר מִדְּאוֹרַיְתָא.

אַז אִיר ווילְט נֶעמֶען אַ גוֹי׳טֶע אִין שְׁטוּבּ זָאל דָאס זַיין לְכַתְּחִילָּה אִין דִי צַייט וָואס אַייעֶר מַאן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן - זָאל דָאס זַיין נָאר וֶוען אִיר זֶענְט אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער אַז אִיר גֵייט צוּ דִי אַרְבֶּעט אוּן אַייעֶר מַאן זִיצְט אִין שְׁטוּבּ - זָאלְט אִיר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין גוֹי׳טֶע.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אִיסוּר יִחוּד וַוייל מֶען קֶען אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַוייטֶער דְרוּקְן דִי אִיבְּרִיגֶע חֲלָקִים פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל קֶרֶן הַדְפָּסָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ וַוייטֶער רוּקְן מִיטְן דְרוּקְן דִי אִיבְּרִיגֶע חֲלָקִים פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ; נְדָרַי לַה' אֲשַׁלֵּם, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ וֶועל דְרוּקְן דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי יָאר צוּ דְרוּקְן חֵלֶק ג' אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ נִישְׁט וַוייטֶער.

אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ נָאכְמָאל פְּרֶעגְן ... אוֹיבּ עֶר ווִיל וַוייטֶער מַגִּיהַ זַיין דִי בְּרִיוו; וַוייל אוֹיבּ עֶס וֶועט זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן - וֶועל אִיךְ דַארְפְן נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן מַגִּיהַ, אִיךְ מוּז דָאס עֶנְדִיגְן דְרוּקְן, אִיךְ מוּז מְקַיֵּים זַיין מַיין נֶדֶר.

אַ שָׁאד דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער אַלֶע בֶּענְדֶער; הוֹיבּ אָן מִיט נִישְׁט קָאלִירְטֶע, וַוארְט נִישְׁט בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן פַארְטִיג דִי קָאלִירְטֶע, אַ שָׁאד; דָאס וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר מְפִיצִים, זֵיי וֶועלְן דָאס קֶענֶען בַּאקוּמֶען פַאר בִּילִיג אוּן מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס צוּכַאפְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאפְרֵייעֶן פוּן אַלְטֶע פַּיין פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט, ווִי מֶען הָאט אַייךְ אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט אַלְס קִינְד, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹיפִיל יָאר, אוּן נָאכְאַלְץ שְׁפִּירְט אִיר ווִי עֶס טְרֶעט אַייךְ צוּ צוּם מֹחַ דִי פַּיינִיגוּנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט בַּאפְרֵייעֶן

דֶערְפוּן, אִיר קֶענְט נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אַייעֶר מַאמֶע אוֹיף וָואס זִי הָאט גֶעטוּן מִיט אַייך.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאפְרֵייעֶן פוּן דִי פַּיין, דִי עֵצָה אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה; זִיךְ שְׁטַארְקֶן מִיט דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר וָואס עֶס לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ דִי אַלְטֶע פַּיין פוּן אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט בַּאפְרֵייעֶן פוּן דִי פַּיין, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבֵּיי קְרִיכְט אִיר אַרַיין טִיפֶער אִין דִי פַּיין; אַ שָׁאד צוּ לַיידְן, אַ שָׁאד דִי פַּיין, מִיט אֱמוּנָה וֶועט אִיר וֶוערְן אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ; אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

דָאס אִיז וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן דָאס אִיז דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט, דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט עֶר אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, נִישְׁט בְּרוּחֲנִיוּת אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וֶועלְכֶע קֶענֶען סֵיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען מֶען

פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיףְ מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, סַיי דִי וֶועלְט אוּן סַיי יֶענֶע וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן אִין פַאל פוּן אַ צָרָה אִיז נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ג') "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם מְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁמַּגִּיעַ אֶל בֵּית עוֹלָמוֹ" - דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. וַוייל אוֹיב גְלֵייבְּט עֶר אַז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֵוייסְט עֶר אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס אַ גוּטֶע חֶשְׁבּוֹן מִיט דֶעם, דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י'.) "אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים" - אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. תְּפִלָּה הֶעלְפְט שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶע'חַתְמְ'ט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען עֶס אוֹיךְ טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אָבֶּער צוּ תְּפִלָּה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען דַארְף בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַן אָרִימַאן בֶּעט זִיךְ אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט וַוייל עֶס קוּמְט זִיךְ אִים. מֶען דַארְף בֶּעטְן מִיט גֶעדוּלְד אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן אוֹיב הָאט מֶען גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה,

דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן, מֶען וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת חוּץ לַדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זֶען דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אִיר זָאלְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִיר נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נִישְׁט בְּרוּחֲנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז יֶעדֶער זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דַאן וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה, יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הֵייבְּט שׁוֹין יֶעצְט אָן דָאס צוּ טוּן, וֶוען עֶס אִיז נָאךְ יָא דָא אַ בְּחִירָה. וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טוּן אַלֶעס צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶענוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אַרְבֶּעטְן נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיפְקוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוּן בְּעִיקָר הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע שִׁיעוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ גֶעדֶענְק יָארְן צוּרִיק הָאט מִיר מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט, בָּחוּרִים מֶעגְן אַרְבֶּעטְן אָבֶּער זֶע נָאר זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי יְשִׁיבָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן: ״רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ אִין דַיין זַאק, אִיךְ זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן״; דָאס דַארְף מֶען בֶּעטְן אוּן אוֹיךְ טוּן בְּמַעֲשֶׂה, אַלֶע סָארְט שְׁפִּיצְלֶעךְ אוּן דְרֵיידְלֶעךְ צוּ בְּלַייבְּן פַארְקְנוּפְּט בַּיים רֶבִּי׳ן.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיךְ אַמָאל אַ בְּרִיוו. שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אִיז אַ זַאךְ וָואס קְנוּפְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ.

...

### מְכַבֵּד זַיין דִי אֵייגֶענֶע אוּן דִי וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער הֶערְן נִישְׁט אוֹיף מִיךְ רוּפְן אוּן אוֹיךְ שִׁיקְן מֶעסֶעדְזְשֶׁעס וִוי וואוֹיל דוּ בִּיסְט, וִוי גֶעטְרֵיי דוּ בִּיסְט צוּ דַיין וַוייבּ אוּן צוּ זֵיי, דוּ בִּיסְט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן, דוּ הֶעלְפְסְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, דוּ פַארְרֶעכְטְסְט זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דָאס מַאכְט מִיךְ טוּן נָאךְ מִיט בָּחוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים. וַוייל וֶוען אִינְגֶעלַייט פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּאקוּם אִיךְ פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גְרֵייט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן, אוּן צוּ דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ רֶעדְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּם חָשׁוּבְ׳סְטְן מֶענְטְשׁ; וֵוייךְ, שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין.

...

### עֶס הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל תּוֹרָה אִין כּוֹלֵל אַזוֹינְס אוּן אַזֶעלֶעכְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָרַב רֶבִּי ... שְׁלִיטָ״א, דַיָּין וּמוֹ״ץ בִּקְהִלָּתֵינוּ**

דִי גְרִיסְן פוּן כּוֹלֵל זֶענֶען גֶעוַואלְדִיג, אַלֶע זָאגְן אַזוֹינְס הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזֶען, וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין שׁוּל זֶעט מֶען נָאר הַתְמָדַת הַתּוֹרָה מִיט עֲמֵלוּת בַּתּוֹרָה.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זֶען אַז אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זָאלְן לֶערְנֶען

מֶער וַוייניגער די זֶעלְבֶּע סְעִיפִים, אַזוֹי זָאל מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין אֵיינֶער פוּן צְוַויי, נִישְׁט די חַבְרוּתָא לֶערְנְט הִלְכוֹת בִּשׁוּל און אַ צְוַויטֶע חַבְרוּתָא לֶערְנְט הִלְכוֹת בּוֹרֵר, און דֶער הִלְכוֹת רְפוּאָה, נָאר אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען בְּעֵרֶךְ די זֶעלְבֶּע אָפְּגֶערוּקְט.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א פוּן יַבְנְאֵל, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיפְן כּוֹלֵל, עֶר זָאגְט, יֶעצְט גֶעפִינְט עֶר זִיךְ פַּאר אַ וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, און עֶר הַאלְט מִיט אִינְדֶערְפְרִי, פִּינְקְטְלִיךְ צֶען אַזֵייגֶער הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ קוֹל תּוֹרָה, אַזוֹינְס און אַזֶעלֶעכְס, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה און גְרוֹיס נַחַת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר, בְּעִיקָר עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטֶעטְל גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

...

**הַאלְט זִיךְ פְרִישׁ און צוּזַאמְגֶענוּמֶען, און גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס לוֹינְט צוּ אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף "שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ"; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט.

אִיךְ וֵייס עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, בִּיסְט אַלֵיין, וִוילְסְט שׁוֹין הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ; וֶועם אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאךְ אַזוֹי בִּיטֶער ווִי אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ...

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, דְרַאפֶּע זִיךְ, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, גֵיי אָן מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, און אֵיידֶער דוּ טוֹבֶל'סְט זִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּבָּאדְן, זָאלְסְט זַיין פְּרִישׁ. טוּישׁ זִיךְ קְלֵיידֶער יֶעדְן טָאג, און די אוֹיסְגֶענוּצְטֶע וועשׁ זָאלְסְטוּ אַוֶועקְוַוארְפְן. נֶעם

צוּזַאם דַיינֶע פֵּיאוֹת, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צֶעפְּלוֹיגְן, מֶעגְסְט לֵייגְן אַבִּיסְל דְזְשֶׁעל.

גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן צוּ זֶען אַ שְׁמֵייכְל, דָאס אִיז וָואס מֶען זוּכְט בַּיי אַ שִׁידוּךְ, אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים מִיט חֵן.

...

### וֶוען מִיר הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער פַאר אוּנְז אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד; סַיי דֶער מְנַהֵל ר׳ מָרְדְכַי אוּן סַיי דִי מְנַהֶלֶת מָרַת לֶעסֶער זָאגְן מִיר אַז דוּ אַרְבֶּעסְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, אוּן וָואס זֵיי בֶּעטְן פַאר דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל - וֶוערְט גְלַייךְ גֶעטוּן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, בִּפְרָט מִיט דִי מוֹסָד; וְוִיפִיל מִיר מֵיינֶען מִיר הֶעלְפְן דִי מוֹסָד - אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער פַאר אוּנְז אַלֵיין, דָאס מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר אוּנְז, בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס מֶען טוּט דַארְף זַיין אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת׳דִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אוֹיבּ אִיר מַאכְט אִין שְׁטֶעטְל אַן עֶקְסֶערְסַייז קְלַאס פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ - קֶען עֶס נָאר זַיין בִּצְנִיעוּת; אַז אַלֶע וָואס צָאלְן גֶעלְט צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְלַאס - קוּמֶען אֵיידְל אָנְגֶעטוּן, וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער.

קֵיינֶער מוּז נִישְׁט קוּמֶען, אָבֶער וֶוער עֶס קוּמְט - קוּמְט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, מֶען רֶעדְט אֵיידְל, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אוּן מֶען הָאט הַנָאָה, אוּן נָאר אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין מִיט צְנִיעוּת - וֶועט אִיר הָאבְּן הַצְלָחָה. אוֹיבּ וֶועט זַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אַ פְּלַאץ פוּן פְּרִיצוּת - וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין הַצְלָחָה, אוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ וֶועט חָרוּב וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם.

עֶס זֶענֶען דָא צֶעבְּרָאכֶענֶע וַוייבְּלֶעךְ, צֶעבְּרָאכֶענֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, אַ שָׁאד; וָואלְט מֶען גֶעטוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בֶּעטְן יֶעדְן טָאג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - וָואלְט מֶען גֶעזֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים, מֶען וָואלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעלָאפְן צוּ דִי גוֹי טָמֵא זִיךְ אָנְטוּן וִוי זֵיי.

אַז מֶען וֶועט קוּמֶען בַּיי אַייךְ מַאכְן עֶקְסֶערְסֵייז מִיט הוֹיזְן אָדֶער לֶעגִינְגְס אוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין הַצְלָחָה, אוּן עֶס קֶען שָׁאטְן פַאר אַייעֶר שְׁטוּבּ.

הוֹיזְן פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אִיז פְּרִיצוּת; אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן אוּן אֲפִילוּ בַּיי עֶקְסֶערְסֵייז. אַזוֹי אוֹיךְ לֶעגִינְגְס פַאר אַ פְרוֹי אוּן מֵיידְל אִיז אַן עֶקְל, אַ גְרוֹיל, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה וָואס אִיז אוּנְטֶער מַיין נָאמֶען - דַארְף מֶען קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֵיילוּנְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

פַאר אַייעֶרֶע פְּחָדִים, פַאר אַייעֶרֶע שְׁרֶעק - אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה: "אֱמוּנָה"; זִיךְ חַזֶר'ן דִי אֱמוּנָה אַז 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס קֶען מִיר גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן ווִיל'.

וֶוען אִיר שְׁפִּירְט אַז עֶס כַאפְּט אַייךְ אָן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁרֶעק, אִיר פַּאלְט אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק - זָאלְט אִיר זָאגְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"; זָאגְט עֶס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, הוּנְדֶערְט אוּן טוֹיזְנְט מָאל נָאכְאַנַאנְד; דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיסְהֵיילְן.

אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין, דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֵיילוּנְג.

לֵיינְט דֶעם בְּרִיוו יֶעדְן טָאג.

...

## נָאר אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין שׁוּל הַאלְטְן זִיךְ דִי קִינְדֶער בַּיי אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ וִויל עֶפֶּעס הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים.

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, נָאר אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין שׁוּל הַאלְטְן זִיךְ דִי קִינְדֶער.

קוּק אָן דִי ווִילִידְזְשׁ אִין לִיבֶּערְטִי, עֶס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער אִידִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין שׁוּם זֵכֶר פוּן זֵיי, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם; נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן - זֶענֶען דִי קִינְדֶער פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, נֶעם דִי קַבָּלָה פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן בְּכָל יוֹם, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר.

...

### גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן הֶערְן אוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז אִיר רֶעדְט מִיט וַוייבְּלֶעךְ פוּן דִי זַאכְן; אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אַז דִי אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ פוּן אַייךְ, אִיר זָאלְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם פוּן בָּחוּרִים, אוּן יֶעצְט שְׁרַייבְּט אִיר מִיר אַז אַ וַוייבְּל רֶעדְט צוּ אַייךְ; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן? וָואס הָאט אִיר מוֹרָא אוּן פוּן וֶועם הָאט אִיר מוֹרָא? קוּמֶענְדִיגֶע מָאל אַ וַוייבְּל אָדֶער מֵיידְל הוֹיבְּט אָן רֶעדְן מִיט אַייךְ פוּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, זָאגְט קְלָאר אוּן שְׁטַארְק: ״רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה״; וַוייל דֶער וָואס הֶערְט אוּן שְׁוַוייגְט - אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֲבֵירָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ד): ״הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה״, וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, ״הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה״, דְרֵייט מֶען עֶס אִיבֶּער צוּ שְׁלֶעכְטְס, ״גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם״, דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דִי גֵיהִנּוֹם, ״גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק״, אוּן נִישְׁט נָאר דֶער וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, נָאר אֲפִילוּ דֶער וָואס הֶערְט אוֹיס נִיבּוּל פֶּה.

אִיר שְׁרַייבְּט אִיר ווִילְט אִיךְ זָאל זַיין אַייעֶר שַׁדְכָן, אִיךְ ווִיל אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען מַאכְן שִׁידוּכִים; אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט מֵיידְלֶעךְ אָדֶער וַוייבְּלֶעךְ

פון נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן - וֶועט אִיר בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, און אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

רֶעדְט מִיט מָרַת ... תְּחְיֶ׳, זִי וֶועט אַייךְ גֶעבְּן גוּטֶע חִיזוּק אוֹיף זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּיז אִיר טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ, און אוֹיף הָאבְּן גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִיךְ שִׁיק אַייךְ נָאכְאַמָאל דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאב אַייךְ גֶעשִׁיקְט זוּמֶער:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פון זַאכְן וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט נוֹגֵעַ פַאר אַייךְ, רֶעדְט נִישְׁט פון זַאכְן פון נָאךְ דִי חֲתוּנָה; וָואס זוּכְט אִיר קָאפּ וֵויי? זוּכְט גוּטֶע חַבֶרְטֶ׳עס, רֶעדְט נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אִיר וֶועט נָאר רֶעדְן אֵיידְל, אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; וֶועט אִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אֵיידְל מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אֵיין עֵצָה אִיז דָא, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה זֶעעֶן מִיר וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן וֶוען מֶען וִויל עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען. אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק; וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? וָואס פַאר אַ סְגוּלָה? צוּ וֶועם הָאט עֶר זִיךְ

גֶעוָואנְדְן? שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, יא): "וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים מִחוּץ לָעִיר אֶל בְּאֵר הַמָּיִם", עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, "לְעֵת עֶרֶב", עֶס אִיז גֶעוֶוען טִינְקֶל, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען וָואס מִיר זָאלְן טוּן בְּעֵת צָרָה, וֶוען מִיר דַארְפְן אַ יְשׁוּעָה; נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם, נִישְׁט זִיךְ אַיינְרֶעדְן 'בַּיי אִים לִיגְט מַיין יְשׁוּעָה', 'בַּיי יֶענֶעם לִיגְט מַיין הִילְף', אֵיין עֵצָה אִיז דָא, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיפְן וָוארְט "וַיֹּאמַר" (שָׁם, יב), אִיז דָא אַ שַׁלְשֶׁלֶת; צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל, דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען גֵייט אוֹיס פוּן אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּטְקֵייט, "לְעֵת צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת", מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן דִי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף אַ שִׂמְחָה, אַ בַּר מִצְוָה פוּן מִשְׁפַּחַת יַעֲקֹב לֶעזֶער, אוֹיךְ דֶער זֵיידֶע הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יַבְנְאֵל; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים.

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת, מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
עצתו אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com